# פרשת תזריע-מצורע כ"ז ניסן – ג' אייר תשע"ז לפ"ק

***יום ראשון פרשת תזריע-מצורע***

בשעות הצהרים הלך **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת מרת לאוב ע"ה (אלמנת הר"ר **צבי לאוב** ע"ה), ואצל משפחת מרת זילבערשטיין ע"ה (אשת הר"ר **אלעזר זילבערשטיין** הי"ו).

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק ומסר שיעורו השבועי בשולחן ערוך (או"ח הל' בציעת הפת סימן קס"ו סעיף א') בבית מדרשנו. אחר השיעור השמיע **רבינו שליט"א** חלק מהדברי תורה שאמר בסעודה שלישית בשבוע שעבר.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**די** תורה הק' פארציילט די פאריגע וואך, אז ווען מען האט מחנך געווען דעם משכן, האט פאסירט די מיתה פון נדב און אביהוא, און אהרן מיט די קינדער זענען געווארן אוננים, און וידום אהרן (שמות יב-ב), אהרן איז געבליבן שטיל. עס האט פאסירט ביי אים אזא אומגליק, זיינע צוויי קינדער נדב און אביהוא זענען געשטארבן, און ער האט זיך נישט מתרעם געווען. און דער אייבערשטער האט אים געגעבן שכר אויף דעם וואס ער איז שטיל געבליבן, אז עס איז שפעטער נתייחד געווארן דער דיבור פאר אהרן. - נאכדעם האט משה רבינו גערעדט צו אהרן און צו אלעזר און איתמר, בניו 'הנותרים', זיינע קינדער וואס זענען איבערגעבליבן. און שפעטער ווערט עס נאכאמאל איבערגע'חזר'ט, ויקצוף על אלעזר ועל איתמר בני אהרן 'הנותרים' וכו', וואס איז די לשון 'הנותרים'.

**עס** קען זיין דער ענין. ווען עס פאסירט א אומגליק ביי א מענטש, און ער דארף זיך מחזק זיין, חייב אדם לברך על הרעה כשם שמברך על הטובה (ברכות ס.), איז א טייל פונעם חיזוק, אז דער אומגליק וואלט געקענט זיין אסאך גרעסער, נאר דער אייבערשטער האט אים מציל געווען פון א גרויסן אומגליק, און ער האט אים געגעבן נאר וויפיל ער האט. ווען א מענטש איז ל"ע נישט געזונט, טרייסט ער זיך, אז דער מצב וואלט געקענט זיין אסאך ערגער, עס זענען דא אסאך ערגערע חולים פון וואס עס האט אים באטראפן. ווען א מענטש האט שאדן געהאט פארמעגן, עס איז טאקע א שאדן, עס איז א ווייטאג, אבער דער שאדן וואלט געקענט זיין אסאך גרעסער, און דער אייבערשטער האט אים מציל געווען, אז ער איז נאך געבליבן מיט עפעס, און מען דארף דאנקען דעם אייבערשטען אויף וואס מען האט. - די וועלט זאגט א משל, אז ווען עס איז דא א גלאז, וואס איז האלב פול און האלב ליידיג, איז די סדר פון מענטשען צו קוקען אויף דעם חלק וואס איז ליידיג. אבער פארוואס קוקט ער נישט, אז א האלבער גלאז איז געבליבן פול? דו דארפסט דאנקען דעם אייבערשטען אויף וואס דו האסט יא.

**איך** האב געזען דערציילן, אז אין ירושלים איז געווען א יוד **רבי זלמן בריזל זכרונו לברכה**, ער איז געווען א אדם חשוב מאד, און ער איז געווען שטארק נזהר אין מצות אויף פסח. ער האט עס געשניטן, און געקליבן, און ער האט אריינגעלייגט א געוואלדיגע יגיעה, ווי דער סדר איז פון ערליכע יודן. ערב פסח האט ער אפגעבאקען זיינע מצות, און ער האט עס אהיימגעברענגט, און געלייגט אין א ווינקל, און עס צוגעגרייט צום סדר. ער האט געהאט אסאך אייניקלער, און אויף יום טוב זענען זיי געקומען צו גאסט, און די קינדער האבן זיך געשפילט, און ארומגעלאפן, און מען האט אנגעטראפן די מצות, און מען האט עס געגעבן א קלאפ, און עס איז אראפגעפאלען, און די מצות האבן זיך צובראכען. מען האט געמיינט אז ווער ווייסט ווי אזוי ער וועט זיך יעצט בייזערן, ער האט אריינגעלייגט אזויפיל יגיעה, און יעצט האט ער עס פארלוירן. ער איז דאך געווען א ערליכער יוד, ווען ער איז אהיימגעקומען, און מען האט אים פארציילט, אז די אייניקלער וואס זענען דא אויף יום טוב האבן זיך געשפילט, און די מצות האבן זיך צובראכען, האט ער געזאגט, **'רבונו של עולם, איך דאנק דיר אז דו האסט מיר געגעבן קינדער, נישט יעדער איינער איז זוכה צו קינדער. און אז מען איז יא זוכה צו קינדער, נישט יעדער איינער איז זוכה חתונה צו מאכן די קינדער. און אז מען איז זוכה חתונה צו מאכן די קינדער, איז נישט יעדער איינער זוכה צו האבן אייניקלער. און אז דער רבונו של עולם האט מיר געגעבן אז איך האב ב"ה יא א**

**שטוב מיט אייניקלעך, האט ער מיר מצות נישט געגעבן, אבער וויפיל דארף איך אים דאנקען פאר די אייניקלעך, וואס האבן צובראכן די מצות...',** פאר דעם דארף מען דאך אויך דאנקען דעם אייבערשטען. - ווען א מענטש קוקט אייביג, וואס עס איז אים יא געבליבן, דורך דעם קען ער זיך מחזק זיין. ער האט טאקע פארלוירן, אבער ער האט נאר פארלוירן 'עפעס', ער האט נישט פארלוירן 'אלעס'. אפילו נאכדעם וואס ער האט פארלוירן, איז נאך אלץ געבליבן ביי אים גענוג וואס ער קען דערויף דאנקן דעם באשעפער.

**עס** איז געווען דער חטא העגל, ובאהרן התאנף ה' להשמידו (דברים ט-כ), דער אייבערשטער האט געוואלט צונעמען אהרן, און ער האט געוואלט צונעמען די קינדער, אזוי ווי רש"י (שם) זאגט, אז 'להשמידו' איז דער טייטש כילוי בנים, דער אייבערשטער האט אים געוואלט צונעמען אלע קינדער. און משה רבינו האט מתפלל געווען, ואתפלל גם בעד אהרן (שם), און תפלה עושה מחצה, ער האט אויסגעבעטן אהרן, און ער האט אויסגעבעטן אלעזר ואיתמר, און נאר אויף נדב ואביהוא האט חל געווען די גזירה. ווען אהרן האט געזען אז נדב ואביהוא זענען נסתלק געווארן, האט ער געזאגט, ב"ה אז נאר נדב ואביהוא זענען נסתלק געווארן, אבער אלעזר ואיתמר זענען געבליבן, און איך בין געבליבן, און וויפיל דארף איך דאנקען דעם אייבערשטען, אויף דעם, דער חרון אף וואלט דאך געקענט זיין אסאך און אסאך מער. משה רבינו האט געוואלט ארויסגעברענגט דעם חיזוק, האט ער זיי אנגערופן אז דאס איז אלעזר ואיתמר 'הנותרים', זיי וואלטן דאך אויך געקענט זיין אינעם זעלבן פעקל וואס נדב ואביהוא זענען געווען. און דער אייבערשטער האט זיי איבערגעלאזט, דאס איז געווען דער חיזוק וואס אהרן האט געהאט, פון דעם וואס נדב ואביהוא זענען נסתלק געווארן.

**ווען** מען האט געוואלט זאגן פאר אהרן און פאר די קינדער, פארוואס מען האט נישט געגעסן די קדשים, אפילו די הלכה איז (זבחים צח:), אז א אונן טאר נישט עסן קיין קדשים. אבער פארוואס טאר א אונן נישט עסן קיין קדשים, ווייל א אונן איז נישט בשמחה, און ווען א מענטש איז נישט בשמחה, טאר ער נישט עסן קיין קדשים. משה רבינו האט דאך אבער געוואוסט אז אהרן איז אלעס מקבל מיט א אהבה, און אפילו ער איז א אונן איז ער אויך שרוי בשמחה, און אז ער איז שרוי בשמחה האט ער אים פארגעהאלטן פארוואס ער האט נישט געגעסן פון די קדשים. בשעת ער האט זיי געהייסן אז מען זאל נעמען די מנחה, און מען זאל עסן וואס עס איז געבליבן, האט ער גערעדט צו די בני אהרן 'הנותרים', דיין שמחה איז דאך אז די מדת הדין האט נאר פוגע געווען צו נדב ואביהוא, און די איבריגע זענען געבליבן. אז דו קענסט זיך פרייען מיט די הנותרים, מיט די וואס זענען געבליבן, נעמט דאך נישט אוועק פון דיר די אנינות, די שמחה פון עסן קדשים, איז וועגן דעם האט ער זיך געבייזערט, פארוואס זיי האבן נישט אויפגעגעסן די קדשים וואס איז געווען.

**דאס** איז די מדה טובה וואס מען דארף זיך אראפלערנען דערפון, אז יעדע זאך דארף א מענטש קענען מקבל זיין. אפילו עס האט פאסירט א זאך וואס ער האט נישט געוואלט, אין יעדען מצב קען זיך א מענטש טרייסטן מיט די אנדערע העלפט וואס איז געבליבן, וואס דער באשעפער האט אים מיט דעם נישט געשטראפט, וואס מיט דעם קען ער מקבל זיין תנחומים, און חיזוק, אדורכצוגיין א שווערן מצב.

*

אחר מעריב הלך **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל **הרה"ג רבי דוד יצחק שיק שליט"א** רב דביהמ"ד תפלה לדוד ריבניץ, שישב שבעה על פטירת אמו ע"ה.

כמו כן הלך **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת **הגה"צ רבי אברהם יוסף ראזענבלום זצ"ל** ראש ישיבת שערי יושר.

***וזה תוכן השיחה:***

**רבינו:** ווען איך בין געווען א בחור האב איך געלערנט אין ישיבה שערי יושר ביי **הרב קאפעלמאן זצ"ל**, און דער טאטע איז געווען

דעמאלטס משגיח אין די ישיבה. ער האט זייער פלייסיג געלערנט דעמאלטס. ער איז געווען משגיח, אבער ער האט זיך כמעט נישט אויפגעשטעלט פון זיין פלאץ פון צופרי ביז ביינאכט, ער איז געזעסן אינמיטן בית המדרש מיט א שטענדער, און ער האט געלערנט.

איך האב געזען אין **מעשה איש** (ח"ב דף מו) פונעם **חזון איש זצ"ל**, אז **רבי שלום שבדרון זצ"ל** איז געווען א משגיח אין א ישיבה, און ווען ער איז ארומגעגאנגען צווישן די בחורים, איז ער ארומגעגאנגען מיט א גמרא, און ער האט געלערנט. האט אים איינער פארגעהאלטן, אז א משגיח דארף נישט האבן א גמרא אין די הענט, א משגיח דארף זיך אומקוקען אז די בחורים זאלן לערנען. ווען ער האט געענדיגט דעם סדר, איז ער אריבער געפארן צום **חזון איש**, און ער האט אים פארציילט די גאנצע מעשה, און ער האט אים געפרעגט, צו עס איז ריכטיג דאס וואס ער טוט, צו נישט. האט אים דער **חזון איש** געזאגט, אז ער זאל ווייטער טון אזוי ווי ער האט געטון ביז יעצט. **א משגיח מיינט נישט, אז ער דארף זאגן, און ער דארף רעדן, די סימבאל פון דעם משגיח מאכט אז מען זאל לערנען.** ער זאל זיך ארומדרייען מיט א ספר, דאס איז די השגחה וואס ער דארף האבן אין ישיבה. - איך האב אזוי אינזין געהאט, אז ביי אים האט מען עס געזען בחוש.

עס גייט צוריק איבער פופציג יאר.

**א' האבלים:** אכט און פופציג יאר, פון תשי"ט.

**רבינו:** איך האב געלערנט שפעטער, תשכ"ב.

**א' האבלים:** אין קעמפ אויך?

**רבינו:** ניין, איך בין נישט געווען אין קעמפ, איך האב נאר געלערנט דארט ביז נאך שבועות.

**א' האבלים:** און נאכדעם איז געווען בין הזמנים?

**רבינו:** איך קען זיך נישט דערמאנען.

**א' האבלים:** תשכ"ב איז מען געווען אין לאק שעלדריק (כהיום מחנה הקיץ דישיבתינו הק'). און תשכ"ג איז מען געווען אין צעהלים. פארדעם איז מען געווען צוויי יאר אין פארקסוויל.

**רבינו:** עס איז געווען דעמאלטס א אנדערע וועלט. מיר זענען געווען דעמאלטס אין דארמיטארי אין בארא פארק (אויף 41 און 14) אן א השגחה אינגאנצן, פון אכט אזייגער ביינאכט ביז זיבן אזייגער צופרי. מען האט נישט געגעבן צו עסן פאר די בחורים, נאר פרישטאג און מיטאג. און נאכטמאל האט מען זיך געדארפט אליין מסדר זיין.

**וסיים רבינו:** אשרי מי שעמלו בתורה. דאס קען מען זאגן אויף ראש השיבה מיטן גאנצן מויל.

*

***יום שני פרשת תזריע-מצורע***

בשעות אחר הצהרים השמיע **רבינו שליט"א** דרשת '**פתיחת הזמן**' לבחורי חמד דקהלתנו וישיבתינו הק', במסגרת '**ישיבת בין הזמנים**' בבית מדרשנו בוויליאמסבורג.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**מען** האט געענדיגט דעם בין הזמנים, די 'ישיבת בין הזמנים' האט זיך געענדיגט, און מען גייט אריין אין דעם קומענדיגן זמן, און מען דארף געבן א הודאה על עבר, און א בקשה על העתיד. מען דארף דאנקן דעם אייבערשטן אויפן עבר, **אשרינו מה טוב חלקינו ומה נעים גורלינו, אז מיר זענען אדורכגעגאנגען דעם בין הזמנים, און געזעסן אין בית המדרש, און מען האט געלערנט ב"ה, און מען איז זייער אסאך אנגעקומען. עס קומט זיך אן הודאה פארן רבונו של עולם, אז דער באשעפער האט אונז געגעבן דעם דעת, אז מיר זאלן זיין אין בית המדרש דעם בין הזמנים.**

**וויפיל** בחורים זענען דא, וואס האבן דאס ליידער נישט מיטגעהאלטן, זיי האבן דעם גאנצן בין הזמנים אנגעברענגט די צייט, און אז מען ברענגט אן די צייט, און מען לערנט נישט, ווייסט יעדער איינער אז עס קלעבט זיך אן אנדערע זאכן. והבור ריק אין בו מים (בראשית לז-כד), אבל נחשים ועקרבים יש בו (שבת כב.), ווען דער בור איז ליידיג, אין בו מים של תורה, דעמאלטס איז דא דארט נחשים ועקרבים. וויפיל בחורים זענען ליידער פארפאלן געווארן דעם בין הזמנים. מען האט זיך געפלאגט א גאנצן ווינטער קונה צו זיין תורה און יראת שמים, און מען האט דאס פארלוירן אין די צייט וואס איז אדורך דעם בין הזמנים, און זיי האבן יעצט א געוואלדיגע עבודה, זיי דארפן אנהייבן צוריק צוקומען אין ישיבה, און אנהייבן צוריק זיך בויען, זיי קומען שוין צוריק מיט א פעקל וואס מען האט זיך אנגעקליבן דעם בין הזמנים.

**געלויבט דער אייבערשטער, די בחורים וואס געפינען זיך דא, רובם ככולם, האבן מיטגעהאלטן אלע סדרים אינעם בין הזמנים.** נישט ממש אזוי ווי אין ישיבה, אבער על כל פנים נאנט דערצו. און מען דארף געבן א שבח והודאה פארן רבונו של עולם, ששמת חלקינו מיושבי בית המדרש, אז מיר האבן געהאט אונזער חלק צווישן די יושבי בית המדרש, און נישט צווישן די יושבי קרנות, די וואס זיצן ליידיג. דאס איז אונזער הודאה על העבר. און מען דארף האבן א בקשה על העתיד, מען הייבט אן א פרישען זמן, מען דארף האבן א פרישען התחדשות, א פרישע ניי-קייט, אנהייבן צו שטייגן מיט א פרישן חשק.

*

**די טעג וואס מען האט יעצט, דאס איז די חשוב'סטע טעג אינעם לעבן. די יונגע יארן וואס מען האט, זאגט די גמרא** (עיין שבת קנב.)**, דאס איז כלילא דוורדא דלא הדרה, דאס איז אזא שיינע בלום וואס דאס קומט קיינמאל נישט צוריק. די וואס האבן שכל, און זיי נוצן אויס די טעג אין ישיבה, די זענען שפעטער די גליקליכסטע מענטשן אין די וועלט. זיי וואקסן אויס תלמידי חכמים, און זיי שטעלן אויף שיינע שטובער, שטובער פון תורה, עס איז נישטא נאך אזא גליק, ווי זוכה צו זיין צו דעם.** די וואס פארפאסן די יונגע יארן פון זיך ארייגלייגן אין תורה, עס איז דאך אוודאי גרינגער אז מען פלאגט זיך נישט אויף לערנען, ווייל זיך פלאגן אויף לערנען, קענען איין מסכת נאך די אנדערע מסכת, און אויסוואקסן א תלמיד חכם, קאסט דאך יגיעה, און עבדא בהפקירא ניחא ליה (גיטין יג.), ער זוכט עס נישט, און ער וויל עס נישט, אבער שפעטער איז זיין גאנץ לעבן אן אנדערע סארט לעבן. מען דארף וויסן די חשיבות פון יעדן טאג וואס מען געפונט זיך אין די ישיבה, און מען קען שטייגן. - איז דא א בקשה על העתיד, בעטן פונעם אייבערשטן, אז דער באשעפער זאל געבן, אז מען זאל קענען ווייטער ממשיך זיין צו לערנען מיט התמדה, און שטייגן אין תורה און יראת שמים, וואס מען דארף האבן אין די יארן.

*

**איך** וועל זיך שטעלן אויף א דבר תורה, פון פאריגע וואך אין די פרשה, ארויסצוברענגען די חשיבות פון תורה. עס שטייט אין די גמרא (קידושין ל.), אז די חכמים האט מען אנגערופן סופרים. פארוואס ווערן די חכמים אנגערופן מיטן לשון סופרים, זאגט די גמרא, ווייל סופר איז א לשון פון ציילן, זיי האבן געציילט די אותיות שבתורה. עס איז געווען ביי זיי אזוי חשוב די תורה, אז זיי האבן געציילט די אותיות פון די תורה. דער בי"ת פון בראשית איז איין אות, דער רי"ש איז א צווייטע אות, אל"ף איז א דריטער אות. אזוי זענען זיי אדורכגעגאנגען די גאנצע תורה און זיי האבן אפגעציילט וויפיל אותיות עס איז דא אין די תורה, און וויפיל ווערטער עס איז דא אין די תורה. און זיי האבן אויסגע'חשבונ'ט ווי עס איז דער מיטן פון די תורה, וואו טיילט זיך עס אפ אין די אותיות, און וואו טיילט זיך עס אפ אין די ווערטער. אוןביידע זענען אין פרשת שמיני, עס שטייט ביים נחש כל הולך על גחון (ויקרא יא-מב), א נחש איז א הולך על גחון, ער גייט אויפן בויך, דער וא"ו פון 'גחון' דאס איז די מיטעלסטע אות פון די תורה. ביז אהין איז די האלבע תורה, און פון דעם וא"ו און ווייטער, איז די צווייטע העלפט פון די תורה.

**נאכדעם** האבן זיי גערעכנט די ווערטער פון די תורה, ווי עס דער מיטן פון די תורה אין ווערטער, און עס קומט אויך אויס אין פרשת שמיני, ואת השעיר החטאת דרש דרש משה והנה שורף (שם י-טז), משה רבינו האט געפארשט וואס מען האט געטון מיט דעם שעיר החטאת, והנה שורף, און מען האט דאס פארברענט. די צוויי ווערטער 'דרש דרש', דאס איז דער מיטן פון די תורה. די ערשטע העלפט פון די תורה ענדיגט זיך ביים ערשטן 'דרש', און די צווייטע העלפט פון די תורה הייבט זיך אן ביים צווייטן 'דרש'.

**נאך** א חידוש איז דא, עס שטייט אין מסכת סופרים (ט-ב), אז ווען מען שרייבט א ספר תורה, און מען קומט צו, צו דרש דרש משה, דארף מען שרייבן דעם ערשטען 'דרש' אונטען, דאס לעצטעווארט פונעם עמוד. דער עמוד ענדיגט זיך ואת שעיר החטאת דרש, און אויבן דארף שטיין די צווייטע העלפט, דרש משה והנה שורף. אזוי האבן

די חכמים מקבל געווען, אז אזוי מוז זיין געשריבן א ספר תורה. וואס איז דער ענין, אז ביי די העלפט פון די תורה, דארף זיין איין 'דרש' אונטען, און איין 'דרש' אויבן. אלעס קומט דאך עפעס צו לערנען, וואס איז דער ענין וואס ליגט דערין.

**אין מהר"ל** (גבורות ה' פרק מו) שטייט, אז יעדע מיטלסטיגע זאך וואס עס איז דא, איז דאס דער שורש דערפון, דאס איז דער פונקט. דער פונקט פון יעדע זאך איז אינדערמיט, און פון דעם צוטיילט זיך עס אויף ביידע צדדים. קומט אויס אז דער שורש פון די תורה אין אותיות, איז ביי דעם וא"ו פון הולך על גחון. און אז דאס איז דער מיטל פונקט פון די תורה, מיינט דאס אז דארט ליגט די נקודה וואס תורה איז. וואס איז די נקודה פון תורה, וואס ליגט אין דעם אות וא"ו?

**עס** שטייט פון **רבי דוד'ל לעלוב'ער זי"ע**, אז א יעדע אות האט א מילוי, ווי אזוי מען שרייבט עס ארויס. דער אות ו' קען מען שרייבן אויף דריי אופנים. מען קען עס ארויסשרייבן ו"ו, און מען קען עס שרייבן וא"ו, און מען קען עס שרייבן וי"ו. דאס איז די דריי וועגן ווי אזוי מען קען שרייבן דעם אות ו'. אז מען רעכנט אויס וויפיל דאס באטרעפט, ו"ו איז צוועלף, וא"ו איז דרייצן, וי"ו איז צוויי און צוואנציג. עס שטייט אין **זוהר הק'** (ח"ג עג.) קוב"ה ואורייתא וישראל חד הוא. דער אייבערשטער, מיט די תורה, מיט אידן, זענען איינס. מיר זענען צוגעבינדן צום אייבערשטן מיט די תורה. די תורה מיטן אייבערשטן דאס איז איינס, די תורה איז חכמתו של הקב"ה (עיין שמו"ר לג-א), די חכמה פונעם אייבערשטן ליגט אין די תורה. ווען א איד לערנט תורה, איז ער דבוק אין תורה, און אז די תורה דאס איז דער אייבערשטער, איז ער דבוק אינעם אייבערשטן. איז ווען א איד לערנט תורה, קומט זיך צוזאם די קדושה פון א איד מיטן רבונו של עולם. ער לערנט די תורה, און תורה דאס איז די חכמה פונעם אייבערשטן, איז קודשא בריך הוא ואורייתא וישראל חד.

**און** אזוי דארף מען לערנען תורה. **תורה דארף מען לערנען, דורך וויסן אז תורה איז א געטליכע חכמה, דאס איז חכמתו של הקב"ה, דאס איז די חכמה כביכול פונעם אייבערשטן. מיט יעדן ווארט וואס א איד לערנט תורה, ווערט ער מיט דעם דבוק אינעם אייבערשטן מער און מער. און אז מען איז א מתמיד אין תורה, האט מען א גרעסערן דביקות אינעם אייבערשטן**, און אז מען לאזט נאך פון תורה, איז די דביקות צום אייבערשטן א קלענערע דביקות. - מיר לערנען נישט תורה אלץ א חכמה, צו קענען וויסענשאפט, ווי אלע אנדערע חכמות אומות העולם, נאר מיר לערנען די תורה הק', ווייל אויף דעם זענען מיר באשאפן געווארן, א איד זאל זיך מדבק זיין אינעם אייבערשטן, ולדבקה בו (דברים ל-כ), אבער וויאזוי קען מען זיך מדבק זיין אינעם אייבערשטן, דער אייבערשטער איז דאך א אש אוכלה, מיר קענען זיך אבער מדבק זיין צום אייבערשטן מיט די תורה הק'. ווען א איד לערנט תורה, איז ער דבוק צום רבונו של עולם.

**און** דאס זאגט **רבי דוד לעלוב'ער**, אז עס ליגט אין דעם אות ו'. ו"ו איז צוועלף, דאס איז א רמז אויף כלל ישראל וואס איז פון צוועלף שבטים. וא"ו איז דרייצן, דאס איז דער מספר פון אח"ד, א רמז אויפן אייבערשטן, ה' אחד. וי"ו איז צוויי און צוואנציג, דאס איז די כ"ב אותיות התורה. אין די אות ו' ליגט, קודשא ברוך הוא, ואורייתא, וישראל. - די מיטעל-פונקט פון די תורה איז א אות ו', ווייל די תורה וויל אונז ווייזן, וואס מיר דארפן ארויסנעמען פון אונזער לימוד התורה, וואס דארף אונז די תורה לערנען, אז מיר זאלן צוקומען צום מיטעלסטן-פונקט וואס איז דא אין די תורה. אז מיר זאלן זיך מדבק זיין אין קודשא בריך הוא ואורייתא וואס איז חד.

*

**אבער** הא גופא קשיא, פארוואס האט מען דאס אריינגעלייגט דוקא אין דעם אות ו'. אז מען וויל זאגן אז קודשא ברוך הוא ואורייתא וישראל חד, איז אויך דא אנדערע וועגן ווי אזוי מען וואלט געקענט צוזאמשטעלן א אות, פארוואס האט מען דאס אריינגעלייגט דוקא אינעם אות ו'? איז דא א צווייטע ווארט, אז דער אות וא"ו, איז נישט קיין שורש פאר זיך אליין, עס איז אלץ נאר א שימוש פאר א צווייטע אות. ווען מען וויל מוסיף זיין, איז דא א וא"ו המוסיף, און עס איז דא א וא"ו החיבור,

א וא"ו וואס איז מחבר. דער אות וא"ו איז קיינמאל נישט קיין אות פאר זיך אליין, עס איז אלץ נאר א חיבור צו א צווייטן אות. איינמאל איז יא דא וואס דער ו' איז דער שורש פון די ווארט פאר זיך אליין, ווי העמודים (שמות כז-י). וואס איז ווי העמודים? דאס זענען די האק"ן וואס איז געווען אויף די עמודים, וואס אויף דעם האט מען ארויפגעלייגט די יריעות. קומט אויס, אז דאס איז אויך נאר געווען א שימוש פאר א צווייטן, אז אויף דעם זאל מען ארויפלייגען די יריעות. קומט אויס, אז דער אות ו' ווייזט אויף ענוה, עס איז קיינמאל נישט פאר זיך אליין, עס האט נישט קיין עקזיסטענץ פאר זיך אליין, ער איז זיך אייביג מחבר צו א צווייטן. און אפילו ווען עס איז שוין יא א שורש, איז זיין שורש פאר זיך אליין אויך נאר ווייל ער איז דבוק צו א צווייטן, ער איז די ווי העמודים.

**דאס** האט אונז די תורה געלערנט, אז דער מיטל-פונקט פון תורה, איז א אות וא"ו. מען איז נישט זוכה צו תורה, נאר ווען מען לערנט תורה בענוה, ובשפלות רוח. תורה איז נמשלה למים, מה מים מניחים מקום גבוה והולכים למקום נמוך, אף דברי תורה אין מתקיימין אלא במי שדעתו שפילה (תענית ז.), א מענטש וואס האלט זיך שטאלץ, און ער האלט זיך גרויס, ער וויל זיין מער ווי א צווייטער, וכדומה, איז ער נישט זוכה צו קדושת התורה. **קדושת התורה איז, ווען א מענטש ווייסט, אז אלעס האט ער נאר פונעם אייבערשטן, ער איז נכנע אונטערן רבונו של עולם, ער פירט זיך בהכנעה, און ער איז מקבל, ער איז נישט קלוגער פון זיין רבין, ער איז נישט קלוגער פון זיין משגיח, און פון זיין ראש ישיבה, אז ער פארשטייט אויף אלעס אליין, אזוי איז מען נישט זוכה צו תורה, נאר ווען א מענטש איז זיך מכניע.** דאס איז דער אות ו', דאס איז דער מיטל-פונקט פון די תורה, און דארט קומט די קדושת התורה.

*

**די** צווייטע העלפט פון די תורה, איז דרש דרש משה. 'דרש' איז פון איין זייט, אונטען, און 'דרש משה' איז אויבן. אין די תורה אליין איז דא צוויי ערליי וועגן, וויאזוי מען לערנט תורה. עס איז דא וואס לערנען תורה, און זיי זענען מצליח אין תורה, זיי וואקסן אויס תלמידי חכמים, צדיקים, קדושים וטהורים. און עס איז דא אזעלכע וואס זענען געזעסן און געלערנט תורה, אבער עס האט זיך גארנישט אויסגעארבעט פון זיי שפעטער. ווען זיי זענען ארויסגעגאנגען פון בית המדרש, האבן זיי פארלוירן דעם חשק פון תורה, זיי האבן פארלוירן זייער קדושה, און זייער יראת שמים. עס איז זיי גארנישט צוגעקומען פון די תורה, די תורה האט נישט געהאט קיין קיום ביי זיי. אין וואס ווענדעט זיך עס? פארוואס איז איינער מצליח אין תורה, און איינער איז נישט מצליח אין תורה?

**אויף** דעם שטייט אין די גמרא (יומא עב.), יראת ה' טהורה עומדת לעד (תהלים יט-י). ווען מען לערנט תורה ערליך, מען לערנט תורה בטהרה, מען היט זיך די מחשבות, מען היט זיך די אויגן, מען היט זיך דעם דיבור, מען היט זיך פון טון עבירות, ער היט זיך מיט וואס ער קען, איז ער זוכה צו תורה, די תורה קלעבט זיך אן ביי אים. ווייל תורה איז א העכערע קדושה, און עס קלעבט זיך נאר אן וואו עס איז דא א הייליגער גוף. אבער אויב דער גוף איז נישט הייליג, דער גוף זינדיגט, עס טוט עבירות וכדומה, און פון די אנדערע זייט זיצט ער אין בית המדרש און ער לערנט, די תורה וואס מען לערנט, דאס קלעבט זיך נישט אן אינעם מענטש, און עס ווערט נישט נאכדעם א חלק פון אים. **אז מען וויל זוכה זיין צו תורה, דארף עס זיין יראת ה' טהורה, זיך פירן ערליך. ווען מען שטייט אויף צופרי, זאל מען נזהר זיין אין אלעס וואס מען דארף נזהר זיין, און זיך פירן ווי א איד דארף זיך צו פירן. אפגיסן נעגל וואסער ביים בעט, און אזוי ווייטער, זיין דאווענען, זיינע מצוות וואס ער איז מקיים, נאכדעם ווען ער קומט אין בית המדרש און ער לערנט, קלעבט זיך אן די תורה וואס מען לערנט.** אבער טאמער עס פעלט, ער פירט זיך נישט אויף ווי עס דארף צו זיין, און ער קומט נאר אין בית המדרש לערנען אויך, מעג ער האבן א גוטן קאפ, ער קען זיין א בעל כשרון, ער קען קענען יעדע וואך ביים פארהערן, אבער ווען עס וועט אדורכגיין א שטיק צייט, וועט מען זעהן אז די תורה האט נישט ביי אים קיין קיום.

**וואו** ווייט א איד קען צוקומען מיט קדושת התורה, צו וואס פארא מדריגות א מענטש קען

צוקומען מיט לערנען תורה, געפונט מען אין די גמרא (סוכה כח.). די גמרא זאגט, אז הלל האט געהאט אכציג תלמידים, [כדי אונז זאל מיר וויסן ווי ווייט מיר זענען גארנישט, דארף מען זיך איינ'חזר'ן די גמרא], פון די אכציג תלמידים האט ער געהאט דרייסיג תלמידים, וואס זענען געווען אזוי גרויס, אז זיי זענען געווען ראוי אז די שכינה זאל רוהען אויף זיי, אזוי ווי אויף משה רבינו. נאכדעם האט ער געהאט דרייסיג תלמידים, וואס זיי האבן געקענט אפשטעלן די זון, אזוי ווי יהושע האט אפגעשטעלט. נאכדעם האט ער געהאט צוואנציג תלמידים, נישט אזוי גרויס, בינונים, מיטל-גאטונגע תלמידים. דער קלענסטער פון זיי, איז געווען רבי יוחנן בן זכאי. און אויף דעם רבי יוחנן בן זכאי וואס ער איז געווען דער קלענסטער, זאגט די גמרא, אז ער האט געקענט מקרא, משנה, גמרא, הלכות ואגדות, גזירה שוות, קל וחומר'ס, שיחות מלאכי השרת, ער האט פארשטאנען וואס די מלאכים רעדן, שיחות דקלים, ער האט פארשטאנען וואס דיביימער רעדן צווישן זיך, דאס איז געווען דער קלענסטער פון די תלמידים. פרעגט די גמרא, אויב רבי יוחנן, וואס איז געווען דער קלענסטער פון די צוואנציג, האט אלעס געקענט, נו וואס איז געווען דער גרעסטער פון די צוואנציג? זאגט די גמרא, אז דער גרעסטער פון די צוואנציג איז געווען יונתן בן עוזיאל, און ער איז געווען אזוי גרויס, אז ווען ער האט געלערנט תורה, און עס איז אדורכגעפלויגן אן עוף, איז דער עוף פארברענט געווארן.

**ווען** מיר מאכן דערפון א חשבון. א ישיבה פון אכציג בחורים. דרייסיג זענען אזוי ווי משה רבינו, דרייסיג קענען אפשטעלן די זון אזוי ווי יהושע, נאכדעם איז דא צוואנציג מיטל-גאטונגע, דער שוואכסטער פון די צוואנציג קען כל התורה כולה, און שיחות מלאכי השרת מיט שיחת דקלים. און דער גרעסטער פון די צוואנציג, ווערט פארברענט א עוף הפורח באויר בשעת ער זיצט און לערנט. - וואס קענען מיר? גארנישט. איך רעד נישט פון 'בחורים' וואס קענען גארנישט, נאר איך רעד פון תלמידי חכמים, וואס קענען אויך גארנישט כלפי דעם גרויסקייט וואס איז געווען אמאל אין תורה. ווי אזוי קען מען זיך גרויס האלטן, ווי אזוי קען מען שטאלצירן, אז מען ווייסט צו וואס קדושת התורה קען צוברענגען, און ווי ווייט מיר זענען פון דעם וואס איז געווען אמאל.

**על** כל פנים, פון די צוואנציג תלמידים איז געווען יונתן בן עוזיאל וואס א עוף וואס איז אדורכגעפלויגן בשעת ער האט געלערנט איז פארברענגט געווארן. פארוואס איז דאס פארברענט געווארן? וואס האט ער געטון אז די פייגל זאל פארברענט ווערן? איז דא צוויי פשטים. רש"י זאגט, אז עס איז פארברענט געווארן, ווייל בשעת ער האט געלערנט תורה זענען זיך צוזאמגעקומען די מלאכי השרת ארום אים, און מלאכים זענען מלאכי אש, מלאכים פון פייער, און די פייער פון די מלאכים איז געווען אזוי גרויס, אז א פייגל וואס איז אדורכגעגאנגען איז פארברענט געווארן. פארשטייען מיר שוין, אז נישט נאר דאס פייגל איז פארברענט געווארן, נאר אז עס האבן זיך ארומגעדרייט מלאכים בשעת זיי האבן געלערנט תורה, און פון דעם איז עס נשרף געווארן. תוספות זאגט אביסל אנדערש. אז בשעת דער אייבערשטער האט געגעבן די תורה, איז געווען וההר בוער באש עד לב השמים (דברים ד-יא), און זיי האבן געלערנט תורה מיט אזא קדושה, אזוי ווי ווען מען איז געשטאנען ביים בארג סיני, און בשעת זיי האבן געלערנט תורה, איז ארויסגעקומען א פייער פון די ווערטער וואס זיי האבן גערעדט, און פון דעם איז פארברענט געווארן דער עוף הפורח באויר.

**און** תוספות ברענגט צו א מעשה פון ירושלמי (חגיגה ב-א), אז אלישע בן אבויה, אחר, וואס איז געווען פון די ארבעה שנכנסו לפרדס, פון די פיר וואס זענען ארויפגעגאנגען אויבן אין הימל, ער צוזאמען מיט בן עזאי, בן זומא, און רבי עקיבא, און פאר אים האט דאס געשאדט, און ווען ער איז צוריקגעקומען, איז ער שפעטער יצא לתרבות רעה. ער איז געווען א גרויסער מענטש, און ער איז יצא לתרבות רעה. און תוספות ברענגט צו א ירושלמי, וואס איז געווען די סיבה, אז פון אזא גרויסן מענטש, וואס האט געקענט ארויפגיין אויבן אין הימל, און ער האט געזעהן וואס עס טוט זיך אויבן, און צום סוף האט ער פארלוירן זיין אידישקייט, ער

איז געוואורן א מחלל שבת, און ער איז יצא לתרבות רעה. זאגט דער ירושלמי, און עס איז א מוסר השכל, ווייל זיין טאטע אבויה, בשעת ער האט געמאכט דעם ברית פאר אלישע, האט ער צוזאמגעזאמלט אלע תלמידי חכמים זאלן קומען צום ברית. און רבי אליעזר מיט רבי יהושע זענען אויך געווען דארטן, און רבי אליעזר מיט רבי יהושע האבן געזאגט צווישן זיך, דער עולם דא, עסט און טרינקט, מען פריידט זיך און מען זינגט, מיר וועלן עוסק זיין אין תורה. זענען זיי אריינגעגאנגען אין א צימער דארט אין די זייט, און זיי האבן זיך גענומען לערנען תורה. און עס איז געקומען א פייער, און עס האט זיי ארומגענומען בשעת זיי האבן געלערנט. אינמיטן זעהט דער אבויה, דער בעל ברית, אז עס ברענט א פייער אין שטוב. גייט ער אריין, און ער זעהט ווי רבי אליעזר מיט רבי יהושע זיצן דארטן. פרעגט ער זיי, עטץ זענטס געקומען אהער פארברענען מיין הויז? האבן זיי געזאגט, ניין. מיר לערנען תורה, און די תורה ביי אונז איז שמחים כנתינתן מסיני, מיר פרייען זיך אזוי ווי ווען מען האט עס געגעבן ביים בארג סיני. מיר לערנען תורה מיט אזא קדושה, אזוי ווי ווען עס איז געגעבן געווארן ביים בארג סיני. און די תורה איז ניתנה באש, דאס איז נישט א פייער וואס פארברענט, דאס איז א אנדערע סארט פייער, און דער פייער וועט נישט פארברענען דיין הויז. ווען ער האט דאס געהערט, האט ער געזאגט, אזוי גרויס איז תורה, אז מען קען זוכה זיין אז עס זאל ברענען א פייער ארום און ארום, אויב מיין קינד אלישע וועט זיך האלטן, וועל איך אים מקדיש זיין פאר תורה. און אזוי האט ער געטון, ווען אלישע איז גרויס געווארן, האט ער אים מקדיש געווען פאר תורה. זאגט דער הייליגער ירושלמי, אזוי ווי ער האט געהאט א פניה שלא לשם שמים, ער האט דאס נישט געטון ווייל מען דארף לערנען תורה, נאר ער האט געזעהן די גרויסקייט וואס תורה ברענגט, האט ער געוואלט אז זיין קינד זאל אויך זיין אזוי גרויס, וויבאלד ער האט געהאט א פניה מיט דעם וואס ער האט אים מקדיש געווען פאר תורה, האט עס אים געשאדט, אז ער איז נישט אויסגעוואקסן ווי ער האט געדארפט. טוב אחרית דבר מראשיתו (קהלת ז-ח), זאגט דער ירושלמי, 'טוב אחרית', דער אחרית וואס איז טוב, דאס נעמט זיך 'מראשיתו', ווי אזוי מען האט אנגעהויבן. ווען דער ראשית איז גוט, דעמאלטס איז דער אחרית גוט. און אז ביי אלישע בן אבויה האט געפעלט דער ראשית, האט זיך דער אחרית אויך נישט אויסגעארבעט.

**קומט** אויס, אז עס איז דא צוויי ערליי אופנים, ווי אזוי מען קען לערנען תורה. עס איז דא, אז פון איין זייט לערנט מען תורה, און פון די אנדערע זייט זינדיגט מען. ווי די וועלט זאגט, אמאל א מלאך, און אמאל א גלח. איין טאג איז ער אזוי, און איין טאג איז ער אנדערש. אין דעם זעלבן טאג, איז ער אנדערש ביי די גמרא, און אנדערש נאך די גמרא. אזא תורה האלט זיך נישט, די תורה וועט נישט האבן קיין קיום. תורה וואס האלט זיך איז, ווען מען לערנט תורה בקדושה כנתינתן מסיני, אז מען קען זוכה זיין אז עס ברענט א פייער בשעת מען לערנט תורה, מלאכים דרייען זיך דארטן, און עס איז שמחים הדברים כנתינתן מסיני, דעמאלטס איז מען זוכה צו תורה.

**עס** איז דא צוויי ערליי 'דרש משה'ס, משה גייט דאך ארויף אויף דעם תלמיד חכם, וואס זיצט און לערנט (שבת קא:). און דרש איז דער טייטש אז מען פארשט די תורה מען לערנט. עס איז דא א 'שעיר החטאת אשר דרש משה', ער זיצט און ער לערנט, אבער פון די אנדערע זייט האט ער אויך א שעיר החטאת וואס זינדיגט, וואס דאס איז דער חטאת. דער שעיר דאס זענען די קליפות וואס ווערן אנגערופן שעיר, שעירים ירקדו שם (ישעיה יג-כא). פון איין זייט איז דא 'שעיר החטאת דרש משה', אז ער איז דורש די תורה, אבער עס איז מיט א שעיר החטאת צוזאמען. נאכדעם איז דא א צווייטע מדריגה, 'דרש משה והנה שרף', אז ווען מען לערנט תורה ברענט א פייער, עס איז תורה וואס איז אזוי ווי יונתן בן עוזיאל האט געלערנט, און אזוי ווי עס איז געווען ביי רבי אליעזר מיט רבי יהושע ווען זיי האבן געלערנט תורה, דאס איז די צווייטע וועג וויאזוי מען קען לערנען תורה. דער 'דרש דרש משה' איז צוטיילט, האלב 'דרש' גייט אראפ, שעיר החטאת דרש, אז מען לערנט תורה און מען זינדיגט. נאכדעם איז דא א דרש משה והנה שרף, אז מען איז זוכה אז עס ברענט א פייער בשעת מען לערנט תורה.

**וואס** איז דער חילוק צווישן די צוויי דרש? דער לערנט, און יענער לערנט. דער חילוק איז אזוי, דער 'שעיר החטאת דרש משה', דער וואס לערנט תורה און עס איז מיט א שעיר החטאת, וועט ער סוף כל סוף אנקומען גאנץ אונטען. 'ואת שעיר החטאת דרש' ווערט געשריבן אין די לעצטע שורה פון דעם עמוד. דארט וועט ער בלייבן. ער קען זיין זייער גרויס, און ער קען זיך פארהערן, און ער קען לערנען, ער קען פארשטיין אלעס. ווי וועט זיך ענדיגן דער שעיר החטאת דרש משה, עס וועט זיך ענדיגן אין די לעצטע שורה. ווי וועט זיין דער 'דרש משה והנה שרף', אז מען לערנט תורה ערליך, מען לערנט תורה מיט א ברען, מיט א חיות, דער 'דרש משה והנה שורף' וועט זוכה זיין, אז ער וועט זיין אויבן. וועגן דעם זענען די צוויי דרש אפגעטיילט, צו ווייזן דעם חילוק, וואס מען איז זוכה אז מען לערנט תורה ערליך, און וואס מען איז זוכה ווען מען לערנט נישט. אז מען וויל אז עס זאל זיין תלמידו מתקיים בידו, אז וואס מען לערנט זאל מען געדענקען, און מען זאל קענען, מען זאל קענען האבן נוצן פון די תורה, און שטייגן אין תורה. אז מען לערנט תורה ערליך, מען לערנט תורה בקדושה, מען לערנט תורה מיט א ברען, מיט א פלייסיגקייט, עס איז שמחים הדברים כנתינתן מסיני, עס איז נישט קיין עול, עס איז נישט ווייל איך מוז לערנען, איך האב נישט קיין ברירה. ווען מען לערנט תורה מיט א שמחה, איך פריי זיך אז איך קען זיין דבוק אין תורה, און דבוק אינעם אייבערשטן, איך וויל שטייגן און קענען נאך א מסכת און נאך א מסכת, ווען מען לערנט תורה מיט א קדושה, דער דרש משה והנה שורף, דאס איז אין די אויבערשטע שורה וואס איז דא אין די תורה.

*

**יעדער בחור האט שאיפות, ער וויל ערגעץ אנקומען.** און באמת, יעדן זמן ווען ער קומט אריין אין ישיבה, הייבט ער אן מיט א פרישן ברען, מיט א פרישן חיות, איך וויל שטייגן דעם זמן, איך וויל לערנען פלייסיג, און קענען וואס מען לערנט. אבער אסאך מאל לעשט זיך עס אויס אינדערמיט, ער קומט נישט אן צו וואס ער האט געוואלט. ער האט אנגעהויבן דעם ווינטער מיט א חשק, מען גייט לערנען א נייע מסכת, און א נייע כתה, וכדומה, ווי דער סדר איז. און ווען עס קומט זומער מאכט מען אסאך מאל א חשבון, און ער קוקט, וואס האב איך צוזאמגעקליבן אין דעם ווינטער, און נישט אייביג קען ער זיין אזוי צופרידן מיט וואס ער האט געטון. און ער הייבט שוין תיכף אן דעם זומער זמן, עה, די ערשטע העלפט האב איך דאך נישט געקענט, וואס וועט זיין מיט די צווייטע העלפט, עס וועט שוין נאכגיין מיטן ערשטן העלפט, אי"ה קומענדיגן יאר וועט ער זיך נעמען לערנען... ער שטופט עס אפ, ווען ער וועט אריינגיין אין א נייע כתה, א נייע סדר, א נייע מסכת, דעמאלטס וועט ער אנהייבן... דאס איז עצת יצר הרע! דאס איז דער יצר הרע! דער יצר הרע לייגט אריין אין דעם מענטש א קרירות, ער קילט אים אפ, ער זאל נישט אנהייבן מיט א פרישן התחדשות.

**און** דאס איז די עבודה, אז מען וויל זיך מתגבר זיין, אז מען וויל שטייגן אין תורה, דארף מען פארגעסן פון וואס עס איז געווען ביז יעצט. כאילו ער הייבט יעצט אן אריינצוגיין אין א ישיבה דעם ערשטן מאל. ער קומט אריין דעם ערשטן זמן, איך וויל ענדיגן, און איך וויל קענען, און נעמען מיט א פרישן התחדשות צו לערנען פלייסיג. **איך וויל דעם זמן ענדיגן א מסכת, איך וויל קענען די מסכת וואס מען האט געלערנט.** איבערואל לערנט מען א מסכת, בדרך כלל קען מען ענדיגן די מסכת אליין, על כל פנים א גרויס חלק פון די מסכת. **עס טאר נישט אדורכגיין א יאר אויף א בחור וואס האט געלערנט, און ער קען נישט זאגן סוף זמן, אז איך קען וואס מען האט געלערנט.** ווייל דאס איז טייטש אז ער לערנט אן חשק, ער לערנט ווייל מען האט געדארפט לערנען. **מען דארף נעמען אויף זיך אן עול, איך וויל קענען אלעס וואס מען האט געלערנט, פון חודש חשון ביז אלול,** און אויף דעם גיי איך מקדיש זיין דעם זמן, איך גיי זיך פלאגן יעדע וואך קונה זיין די פרישע לימודים וואס מען לערנט, אבער איך גיי נישט פארלירן וואס מען האט געלערנט ביז יעצט, איך וועל עס איבערחזר'ן. אזוי דארף צו זיין, ושננתם לבנך (דברים ו-ז), שאם ישאלך איש אל תגמגם (קידושין ל.), וואס מען לערנט דארף מען קענען נאכזאגן, מען זאל נישט מגמגם זיין. און צו דעם דארף מען אסאך חזרן. **דער עיקר איז נישט דער לערנען, דער עיקר איז צו**

**חזר'ן נאכאמאל און נאכאמאל, אז מען זאל געדענקען וואס מען לערנט.**

**וואס מען לערנט אלץ בחור, דאס בלייבט שטענדיג אין זכרון, דאס וועט מען אייביג געדענקען.** פרעגטס יעדן תלמיד חכם, וועט ער זאגן, וואס ער האט געלערנט אין ישיבה, און ער האט דאס איבערגע'חזר'ט, ווען ער גייט עס איבער פופציג יאר שפעטער, אפילו ער האט שוין פארגעסן וואס ער האט געלערנט, ווערט עס אים נתחדש אזוי ווי ער האט דאס נעכטן געלערנט. זאכן וואס מען לערנט שפעטער, איז שוין נישטא די סגולה וואס איז דא פון 'גירסא דינקתא'. - און אויף דעם דארף מען האבן סייעתא דשמיא. די גמרא (מגילה ו:) זאגט, לאוקמא גירסא סייעתא דשמיא, אז מען זאל געדענקן וואס מען לערנט, דארף מען האבן סייעתא דשמיא, וואס דאס איז די ערליכקייט. אז עס איז נישטא קיין שעיר החטאת דרש משה, אז עס איז נישט פארבינדן מיט קיין חטאת, נאר עס איז והנה שרף, מען לערנט תורה מיט א חשק און ערליך, דעמאלטס איז מען זוכה צו תורה.

**די** תורה האט צוזאמגעשטעלט די ביידע, שעיר החטאת דרש משה אונטען, און נאכדעם איז דא דרש משה והנה שורף אויבן. דאס איז די נידריגסטע מדריגה, און דאס איז דא די העכסטע מדריגה, ווייל די תורה האט אונז געוואלט לערנען, אז אפילו ווען עס איז געווען זמנים וואס עס איז געווען שעיר החטאת דרש משה, דאס לערנען איז נישט געווען ווי עס דארף צו זיין, עס האט אים געפעלט די יראת ה' טהורה, זאל ער זיך נישט אפזיגלען, איך בין שוין פארפאלן, און איך קען שוין נישט שטייגן, נאר נאך שעיר החטאת דרש משה, קען נאך א איד זוכה זיין צו דרש משה והנה שורף.

*

**עס זענען דא צענדליגע תלמידי חכמים, וואס עס איז אדורכגעגאנגען אויף זיי על כל פנים די ערשטע העלפט פון די בחור'ישע יארן, וואס זיי האבן עס נישט אויסגענוצט. ביז זיי זענען איין טאג געקומען צום שכל, אז זיי ווילן שטייגן אין תורה, און זיי האבן זיך אריינגעווארפן אין לימוד התורה. א טייל האבן דאס אנגעהויבן ביי די פופצן יאר, און א טייל ביי די זעכצן, א טייל ביי די זיבעצן, ווילאנג זיי זענען נאך געווען אין ישיבה, און זיי האבן גענומען אויף זיך עול תורה, און זיי זענען אויסגעוואקסן שפעטער געוואלדיגע תלמידי חכמים.** נישט אייביג האט מען דעם שכל ווען מען איז נאך יונג, אבער ווען מען ווערט עלטער דארף מען צוקומען צום שכל, זיך אריינצווארפן אין תורה, און נעמען אויף זיך דעם עול התורה.

**עס איז נישטא קיין גליקליכער'ער מענטש אינעם לעבן, ווי ווען מען וואקסט אויס א תלמיד חכם.** מען רעדט נישט פון עולם הבא, מען רעדט נישט פון טוב לך לעולם הבא, נאר מען רעדט פון אשריך בעולם הזה. ווען מען דארף טון א שידוך, **א בחור וואס האט א גוטן נאמען, טרעפט א פיינעם שידוך, ער טרעפט א גוטע שטוב, ער טרעפט א שידוך וואס מען האלט אים אויס, ער באקומט א דירה וכדומה. אנדערע דארפן זיך פלאגן דערויף. אנשטאט דעם וואס מען זאל זיך דארפן פלאגן שפעטער, איז כדאי אוועקצוגעבן די פלאג יעצט. סיי מען וועט האבן עולם הזה, און סיי מען וועט האבן עולם הבא.** עס איז אשריך בעולם הזה, וטוב לך לעולם הבא. מען איז נאך יונג, דער יצר הרע זאגט, לך אכול בשמחה לחמך (קהלת ט-ז), הרג בקר ושחט צאן וגו' כי מחר נמות (ישעיה כב-יג), יעצט קען מען מאכן א לעבן, קוק נישט אויף די זייט פון תורה. אבער עס איז נישט אזוי, יעצט איז די צייט. אז מען וויל זיך משמח זיין לבו בתורה, דארף עס זיין יעצט, אויסנוצן די צייט צו לערנען תורה.

**נעמען** אויף זיך, **וואס גיי איך ענדיגן דעם זמן, און ווי אזוי וועל איך עס טוען. איך וויל קענען אלעס וואס מען האט געלערנט. איך וויל מיר אויסשטעלן א סדר, ווי אזוי איך זאל עס איבער'חזר'ן, מיט א חברותא צו אליין, איך זאל זיך קענען פארהערן וואס מען האט געלערנט דעם זמן. און אז מען האט צייט, קען מען לערנען לימודים פון פריער, אבער עס מוז זיין א שאיפה ביי זיך צו ענדיגן.**

*

**עס** איז זומער. **עס קומט א לאנגער פרייטאג און א לאנגער שבת, צוויי לאנגע טעג, וואס דאס איז א דריטל פון די וואך.** די גאנצע וואך איז זעקס טעג,

און דאס איז צוויי טעג. און די צוויי טעג אליין קען מען אזויפיל אויסנוצן, און רוב מאל גייט אדורך ליידיג, ווייל מען האט זיך נישט געמאכט קיין סדר וואס מען זאל לערנען, און אזויפיל צייט גייט אוועק לבטלה. **די צייט וואלט מען געקענט אויסנוצן איבער צו חזר'ן א מסכת וואס מען האט געלערנט, אדער נעמען א פרישע מסכת וואס מען קען אפלערנען אין די צוויי טאג אליין**[א]. מען דארף זיך אליין אויסשטעלן א סדר, מען זאל נישט האבן קיין ליידיגע צייט, עס זאל נישט זיין קיין נחשים ועקרבים יש בו, נאר אלעס זאל ווערן אויסגענוצט פאר תורה. יעדע ליידיגע צייט איז א מענטש אין א נסיון, מען ווייסט נישט וואו ער וועט פארפאלן ווערן. אבער אז מען זיצט און מען לערנט, מיט א עול תורה, שטייגט מען, און מען וואקסט אויס אזוי ווי מען דארף.

*

**עבודת** התפלה, דאווענען. נישט אייביג פארשטייט מען די חשיבות פון תפלה, צו וויסן וואס דאס איז טייטש אז א איד קען דאווענען פארן אייבערשטן, און זיך אויסבעטן ביים באשעפער. **אלעס וואס א איד דארף האבן, קען ער זוכה זיין מיט תפלה. דער אייבערשטער איז א גוטער, ער גיט פאר יעדן איינעם, אבער מען מוז בעטן. אן תפלה באקומט מען גארנישט.** און מען איז אסאך מאל יוצא מיט איין תפלה, איך האב געדאווענט, איך האב אינזין געהאט, איך האב געבעטן, רבונו של עולם איך וויל זיין א תלמיד חכם, איך וויל זיין ערליך, און מען גייט ווייטער. משה רבינו האט געבעטן תקט"ו תפילות, ער האט געדאווענט פינף הונדערט און פופצן מאל אויף איין זאך, און מיר ווערן מיד נאך פינף מאל דאווענען. מען דארף שטענדיג בעטן, און מתפלל זיין צום אייבערשטן, אז דער באשעפער זאל געבן, אז מען זאל האבן הצלחה אין וואס מען טוט. - **די שעה וואס מען דאווענט אין ישיבה, דארף זיין די חשוב'סטע שעה פאר'ן בחור. א שעה וואס ער בעט זיך אויס פארן אייבערשטן, אין די שעה האט ער דביקות אינעם רבונו של עולם.** ווען מען טראכט נאר פשוט די פירוש המלות פונעם דאווענען, מען האט אינזין וואס מען דאווענט, און מען איז דבוק אין די ווערטער פונעם דאווענען, איז דער סידור אליין דער גרעסטער מוסר ספר.

**כדי אז מען זאל דאווענען בכוונה, דארף מען האבן א הכנה דערצו פארדעם. פארן דאווענען רעדט מען נישט, מען שמועסט נישט, עס איז אפגעהיטן צו לימוד התורה, און נאכן לערנען שטעלט מען זיך דאווענען. אין די צייט וואס מען דאווענט, שטייט מען אויף איין פלאץ, און מען דאווענט. מען דאווענט הויך, דער קול איז מעורר די כוונה.** ווען מען דאווענט שטיל, פעלט די כוונה דערפון, אבער אז מען דאווענט הויך, איז דער קול מעורר הכוונה, און עס דאווענט זיך געהעריג. מען דארף ארבעטן אויף דעם, אז מען זאל קענען דאווענען מלה במלה. און צוקומען דערצו, אז מען זאל זיך אויסלערנען דער חלק התפלה אויסער תורה.

*

**יעדער בחור דארף האבן א שיעור אין א מוסר ספר.** יעדער איינער לפי ערכו, עס איז דא גרינגערע ספרים, און שווערערע ספרים, און מען דארף ארבעטן אויף די מדות. יעדער מענטש ווערט געבוירען מיט גאר שלעכטע מידות, איינעם איז דאס גאר גאר שלעכט, און איינעם איז דאס נאר גאר שלעכט, אבער מיט שלעכטע מדות ווערט יעדער איינער געבוירען. קיינער ווערט נישט געבוירען מיט קיין גוטע מידות, און מען דארף ארבעטן דערויף, ווייל אז נישט, וואקסט מען אויס שפעטער א חיה רעה, פשוטו כמשמעו! אמאל ווייזט ער ארויס אז ער איז א חיה, און אמאל דערקענט מען עס הערשט שפעטער, אז ער פירט זיך אויף ווי א חיה. ביז ווילאנג מען ארבעט זיך נישט אויס די מידות, איז מען נישט קיין מענטש. **אז מען לערנט מוסר יעדן טאג, אפילו נאר א פאר מינוט, אליינס צו מיט א חבר, גיין מיט א סדר פון אנהייב ביז צום סוף, ארבעט מען זיך אויס די מידות.** יעדער ווייסט אין וואס ער איז געשלאגן, איינער איז געשלאגן אין כעס מער ווי א צווייטער, איינער איז זיין דיבור נישט ווי עס דארף צו זיין, ביי איינעם איז עס ניבול פה, און ביי איינעם איז עס

[א] בתוך אחד השיחים אמר **רבינו שליט"א**: מיינע ספרים **'שמן ראש'**, זענען רובא דרובא פון וואס איך האב געלערנט פרייטאג און שבת.

לשון הרע, און ביי איינעם איז עס שקר, וכדומה. ביי איינעם איז דא קנאה, מען איז מקנא א צווייטן. די אלע זאכן זענען מידות מגונות, וואס עס איז מוציאין את האדם מן העולם, ביז מען ארבעט דערויף. יעדער איינער דארף ארבעטן אויף די מידה וואס ער פילט אז ער איז געשלאגן דערין.

*

**שבת קודש דארף זיין קודש לה׳. נישט אנברענגען קיין צייט, נאר לערנען און דאווענען. מען דארף זינגען זמירות אין שטוב מיט א קול, אריינברענגען א ווארימקייט אין דעם שבת. נגינה איז א חלק פון עבודת ה׳, עס איז א שעה וואס א איד איז זיך מדבק צום אייבערשטן.**

**שלש סעודות איז א זמן וואס עס דארף צו זיין ביי א יעדן בחור קודש קדשים, א שעה פון התבוננות און חשבון הנפש פאר זיך אליין, וויאזוי די וואך איז אים אדורכגעגאנגען, און וויאזוי ער גייט אנהייבן די קומענדיגע וואך. עס איז נישט קיין צייט פון שמועסן, און א צייט צו פארברענגען. ווען ער קומט אין בית המדרש, דארף ער האבן זיין פלאץ וואו ער שטייט, און וואו ער געפינט זיך, און מיטזינגען זמירות, און אויסהערן דברי תורה. דאס גיט דעם כח אז מען זאל קענען שפעטער זיך פירן ערליך די גאנצע וואך.**

*

**בכלל איז גוט צו האבן חבורות צווישן די בחורים, זיך צוזאמקומען צוזאמען. חבורות קען זיין סיי מיט נגינה, עס זאל אריינברענגען א ווארימקייט, סיי מיט הערן דברי תורה, מעג עס זיין פון א בחור, מען מעג אמאל הערן פון א משפיע, וכדומה. עס איז זייער וויכטיג אין היינטיגן דור, אז מען זאל זיך צוזאמהאלטן, און מען זאל קענען שטייגן צווישן זיך.**

*

**אשרי** מי שעמלו בתורה, גליקליך איז דער מענטש וואס זיין עמל איז אין תורה. די גמרא זאגט, אז א יעדער מענטש דארף זיך פלאגן אויף די וועלט, כולהו גופי דרופתקי (סנהדרין צט:), אלע גופים האט דער אייבערשטער באשאפן אז זיי דארפן זיך פלאגן, אבער וואויל איז דער מענטש, וואס איז זוכה אז ער לייגט אריין זיין פלאג אין תורה. קיינער ווייסט נישט וואס פאר א פלאג עס איז אים אנגעשריבן אויבן אין הימל, וואס ער דארף אדורכגיין אין זיין לעבן, אבער מען קען אויסנוצן דעם פלאג אויף תורה. די יארן וואס מען זיצט אין בית המדרש און מען לערנט, זאל ער אוועקגעבן זיין גאנצע עמל אויף תורה. נישט אינזין האבן עפעס אנדערש, עס זאל דיך נישט אינטערסירן עפעס אנדערש.

**עס** איז געווען פאריגע וואך די יארצייט פון **רבי שמואל וואזנער זצ״ל**, איך האב געזען געשריבן אויף אים, אז ער האט געזאגט, אז ווען ער איז אנגעקומען אין ישיבה חכמי לובלין, און ער איז געווען אין דעם בנין פון די ישיבה, איז אלעס געווען אין דעם בנין אליין. מען איז געשלאפן דארטן, און מען האט געגעסן דארטן, מען האט נישט געדארפט ארויסגיין. האט ער געזאגט, אז אכצען חדשים איז ער נישט ארויסגעגאנגען פון דעם בנין! ער האט נישט געוויסט ווי אזוי דער בנין זעהט אויס אינדרויסן! און וואס עס טוט זיך אין די שטאט, האט ער אוודאי נישט געוויסט. **איך בין נייגעריג צו עס איז דא איין בחור דא, וואס וואלט געזעסן אכצן חדשים דא אין דעם בית המדרש, און נישט ארויסגעגאנגען קוקן וואס עס טוט זיך אינדרויסן. אזוי איז מען זוכה צו תורה! מען וואקסט נישט אויס קיין תלמיד חכם פון זיך אליין. אלעס וויל ער וויסן, אלעס וויל ער הערן, קול מבשר, און אלע נייעס פון דער וועלט, און זיך ארומדרייען אינדרויסן, און עס איז אים אן עול צו זיצן אין בית המדרש. אז מען וויל זוכה זיין צו תורה, דארף מען וויסן אז מיין פלאץ איז אין בית המדרש, אין די פיר ווענט ווי מען זיצט און מען לערנט תורה, און יעדע רגע וואס ער קען זיין דארטן, דארף זיין ביי אים א חשיבות. און מחשיב זיין, איך בין נישט אויף דער גאס, עס אינטערעסירט מיך נישט וואס עס טוט זיך אינדרויסן, איך וויל מיך מעמק זיין אין תורה, און זיצן ביי די גמרא, לערנען איין מסכתא נאך די אנדערע מסכתא, דעמאלטס איז מען זוכה לכתרה של תורה.**

**יעדער** גייט אריין אין דעם קומענדיגן זמן מיט נייע שאיפות, זאל דער אייבערשטער געבן, אז

חפץ ה' יצליח, מען זאל קענען שטייגן אין תורה און עבודת ה', און דינען דעם אייבערשטן מתוך שמחה וטוב לבב. און אלע אונזערע קבלות און שאיפות וואס מיר האבן, זאל מען עס קענען אויספירן אינגאנצען, מען זאל קענען צוקומען דערצו, און נישט מיד ווערן. מען זאל זוכה זיין אויסצוואקסן תלמידי חכמים און יראי ה', די עלטערן זאלן זעהן ביי ענק אסאך אידיש נחת, און דער אייבערשטער זאל זעהן ביי אונז אלע אסאך נחת. און מיר זאלן זוכה זיין צו די גאולה שלימה, בביאת בן דוד, במהרה בימינו אמן.

*

בשעות אחר הצהרים הלך **רבינו שליט"א** לבית אלמנת הר"ר **שמואל זאנוויל שווארץ** ע"ה לברך ברכת האילנות.

אחר מעריב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והשתתף אצל התנאים של בן הר"ר **ישראל וויינגארטן** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **הערשל כ"ץ** הי"ו, שהתקיים באולם טענקא.

אחר כך השתתף **רבינו שליט"א** אצל התנאים של בת **הרה"ג רבי יעקב דוד כ"ץ שליט"א** (בן כ"ק הגה"צ מסערדאהעלי שליט"א), עב"ג בן **הרה"ג רבי יחזקאל שרגא פרענקל שליט"א**, שהתקיים באולם בעלזא.

*

***יום רביעי פרשת תזריע-מצורע***

אחר תפלת שחרית התקיים הברית של בן הר"ר **מאיר בלומענפעלד** הי"ו (חתן הר"ר **דוד קאהאן** הי"ו). **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות ובברכות וקריאת השם. אחר הברית השתתף בהסעודה, ונשא מדברותיו.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**די** וואך איז די פרשה פון מילה, אשה כי תזריע וילדה זכר, וטמאה שבעת ימים וגו', וביום השמיני ימול בשר ערלתו (יב-ב). קודם איז ער מקדים אז זיבן טאג איז דא טומאת לידה, און נאכדעם זאגט דער פסוק אז דעם אכטן טאג זאל מען מל'ן דאס קינד. די גמרא (נדה לא:) שטעלט צו, אז די צוויי זאכן האבן א שייכות איינס צום אנדערן, אז די טעם פארוואס מצות מילה איז בשמיני איז, ווייל אזוי ווי עס איז דא טומאת לידה די ערשטע זיבן טאג, האט די תורה נישט געוואלט אז יעדער זאל זיין פרייליך ביים ברית, און אביו ואמו עצבים, אין שטוב אליין וועט זיין א טומאה, דער אייבערשטער האט געוואלט אז יעדער זאל זיין פרייליך ביים ברית, האט מען אפגעשטופט דעם ברית אויף דעם אכטן טאג.

**עס** קען אפשר זיין א ענין דערין. פסח ביים סדר טוט מען אויסרעכענען אויף יעדן נומער א געוויסע מעלה. אחד מי יודע, אחד אלקינו שבשמים ובארץ. שני לוחות הברית, שלשה אבות וכו', שמונה מי יודע, די חשיבות פון נומער אכט איז, שמונה ימי מילה, דעם אכטן טאג מל'ט מען דאס קינד. תשעה מי יודע, וואס איז די מעלה פון נומער ניין, תשעה ירחי לידה. די מפרשים שטעלן זיך, אז אלע ענינים וואס ווערן אויסגערעכנט, האט א שייכות מיט יודן. אחד אלקינו שבשמים ובארץ, מיר זענען מאמינים אינעם אייבערשטען. שני לוחות הברית, מיר האבן מקבל געווען די תורה. אונזערע אבות און אמהות, חמשה חומשי תורה, ששה סדרי משנה, אבער תשעה ירחי לידה איז א חלק פון די טבע, די גאנצע וועלט האט תשעה ירחי לידה, די אומות העולם האבן אויך תשע ירחי לידה. וואס איז די נקודה וואס מען ברענגט ארויס, תשעה אני יודע, אז עס איז דא תשעה ירחי לידה.

**נאר** דער אמת איז, אז די תשעה ירחי לידה ביי א יוד, איז אנדערש פון די תשעה ירחי לידה ביי א גוי. עס שטייט אין די גמרא (נדה ל:) אז די שענסטע טעג וואס א מענטש האט אינעם לעבן, זענען די ניין חדשים וואס מען איז במעי אמו. און איוב האט מתפלל געווען און ער האט געזאגט, מי יתנני כירחי קדם (איוב כט-ב), ווער זאל מיך געבן איך זאל זיין אזוי ווי די שלוה וואס איך האב געהאט אין די חדשים וואס איך בין געווען במעי אמי. נר דלוק על ראשו, וצופה ומביט מסוף העולם ועד סופו, ער קען זעהן פון איין עק וועלט, ביז די אנדערע עק וועלט. און די גמרא אליין וויל מסביר זיין, ווי אזוי איז שייך אז מען זאל קענען זעהן מסוף העולם ועד סופו. זאגט די גמרא, וואונדער זיך נישט אז עס איז אזוי, ווייל א מענטש איז דא אויף די וועלט, און ער חלומ'ט ביינאכט אז ער געפונט זיך אין אספמיא, אויף יענע עק וועלט. דו ביזט דאך דא, ווי אזוי קענסטו זעהן א זאך וואס איז אין יענע

עק וועלט. וועט ער זאגן, אין חלום קען מען זעהן. בערך אזוי איז דא ביי א קינד, אז ער זעהט מסוף העולם ועד סופו. ומלמדין אותו כל התורה כולה, ער קען כל התורה כולה, און ווען ער קומט ארויס, פארגעסט מען די תורה, כדי א מענטש זאל זיך אליין פלאגן, און צוקומען צו וואס ער דארף צוקומען. און אויף דעם האט זיך איוב געבענקט, מי יתננו כירחי קדם, ווער זאל מיר געבן אזוי ווי די חדשים וואס איך האב געהאט אמאל, וואס עס איז געווען אין די תשעה ירחי לידה.

**די** גמרא דרש'נט עס פון 'ירחי קדם', ווייל געווענליך ווען מען רעדט פון א עבר, זאגט מען 'יארן', מען רעדט נישט פון 'חדשים', פארוואס שטייט דא מי יתננו 'כירחי' קדם, אזוי ווי די חדשים פון קדם. זאגט די גמרא, ווייל די ימי העיבור איז נישט קיין גאנצע יאר, נאר חדשים, וועגן דעם רופט ער עס אן ירחי קדם. עס קען זיין, אז וועגן דעם הייסט עס ירחי קדם, ווייל ירח איז די לבנה, די לבנה גיט ליכטיגקייט פאר די וועלט. און די חדשים וואס א קינד איז במעי אמו, איז דאך נר דלוק על ראשו, עס לייכט ביי אים א נר, בהלו נרו עלי ראשי (איוב שם), דאס איז מי יתננו 'כירחי' קדם, אזוי ווי די טעג וואס עס איז מיר געווען אזוי ליכטיג, אזוי ווי די לבנה וואס שיינט. - תשעה 'ירחי' לידה, דאס איז נאר דא ביי יודען, ביי אומות העולם איז נישט דא קיין תשעה 'ירחי' לידה. עס איז טאקע דא ניין חדשים וואס מען איז מעוברת, אבער תשעה ירחי לידה, עס זאל זיין אזעלכע חדשים וואס זאלן לייכטן אזוי ווי די לבנה, דאס איז נישט דא נאר ביי יודישע קינדער.

**עס** שטייט פון **אבני נזר זצ"ל** (הובא **בשם משמואל**), וואס איז די טעם וואס די תורה זאגט, אז ווען מען האט א קינד ווערט מען טמא. פארוואס ווערט מען טמא, אדרבה ווען ער האט א קינד קומט צו א קדושה אין שטוב, פארוואס קומט א טומאה. זאגט ער, אזוי ווי א מת איז מטמא, ווייל א יוד האט אין זיך א נפש פון קדושה, און ווען דער נפש גייט אוועק, און עס בלייבט אויס קדושה, איז שורה דארט א רוח טומאה. א גוי וואס האט נישט אין זיך א קדושה, איז נישט דא ביי אים קיין טומאה. א יוד וואס האט אין זיך קדושה, בשעת די קדושה גייט אוועק, דעמאלטס קומט טומאה. יעדע מאמע בשעת עס איז געווען די תשעה ירחי לידה, איז דאך געווען ביי איר א מלאך, און עס איז געווען נר דלוק על ראשו, און דאס קינד האט געלערנט כל התורה כולה, איז דאך געווען א געוואלדיגע קדושה במעי אמו. ווען דאס קינד קומט ארויס אויף די וועלט, און מען נעמט אוועק די גאנצע תורה וואס ער האט געלערנט, ווערט דאך ביי איר אויסגעליידיגט די קדושה וואס זי האט געהאט, און אז עס ווערט אויסגעליידיגט די קדושה, קומט א טומאה.

**וועגן** דעם שטעלט מען עס צוזאם, שמונה ימי מילה און תשעה ירחי לידה, ווייל די שמונה ימי מילה מיט די תשעה ירחי לידה, זענען פארבינדען איינס מיטן אנדערן. עס איז דא אכט טאג וואס מען דארףווארטן צום ברית, פארוואס דארף מען ווארטן ביז צו די אכטע טאג, פארוואס האט דער אייבערשטער נישט געהייסן אז מען זאל מל'ן תיכף, ווייל עס איז דא תשעה 'ירחי' לידה, עס איז געווען ניין הייליגע חדשים, און אז עס איז אוועקגעגאנגען די קדושה, קומט יעצט א טומאה פון זיבן טאג, און אז עס איז דא א טומאה פון זיבן טאג, מוז מען ווארטן די שמונה ימי מילה.

**און** דאס איז דער טעם פארוואס די תורה האט עס צוזאם געשטעלט, אשה כי תזריע וילדה זכר וטמאה שבעת ימים, וואס איז דער טעם אז זי איז טמא זיבן טעג נאך א לידה, ווייל די קדושה איז דעמאלטס אוועקגעגאנגען, און ווען עס גייט אוועק די קדושה, קומט די טומאה. און דער וטמאה שבעת ימים ברענגט צו דערצו, אז ווען מען וויל מכניס זיין דאס קינד בבריתו של אברהם אבינו, דארף מען ווארטן אויפן אכטן טאג, כדי יעדער זאל קענען זיין פריילעך, און עס זאל נישט זיין אביו ואמו עצבים, און נאר דעמאלטס מל'ט מען דאס קינד.

**דער** אייבערשטער האט געהאלפן פארן אבי הבן, אז ער האט מכניס געווען זיין קינד בבריתו של אברהם אבינו, דאס קינד האט א קדושה פון פריער, ער האט שוין געקענט כל התורה כולה, מען האט עס נאר יעצט צוגענומען פון אים, און די

ארבעט פון די עלטערן איז, צוריקצוברענגען די תורה וואס מען האט שוין געלערנט, און מען האט שוין געקענט, אז מען זאל צוקומען צו די מדריגות וואס מען האט געהאט פריער. אז מען האט געקענט זעהן מסוף העולם ועד סופו, איז דאך טייטש, אז די גרעסטע מדריגה וואס איז דא אין נבואה, אז מען זאל קענען זעהן פון איין עק וועלט ביז די אנדערע עק וועלט, איז שוין דא די זרעים איינגעבויט און איינגעפלאנצט אינעם קינד פון די יוגנט אן, און מען דארף עס נאר צוריקשטעלן צו דעם וואס איז געווען, זאל דער אייבערשטער געבן, אז מען זאל קענען ווייטער אויך מגדל זיין דאס קינד לתורה ולחופה ולמעשים טובים.

*

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעורו היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעורו היומי במשנה ברורה.

אחר כך חזר **רבינו שליט"א** לוויליאמסבורג והלך לניחום אבלים אצל משפחת הר"ר **דוד הערש מאיער** ע"ה.

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והשתתף אצל הבר מצוה של בן הר"ר **נתן גראזינגער** הי"ו, שהתקיים באולם בעלזא, ונשא מדברותיו.

***<u>וזה תוכן הדברי תורה:</u>***

**עס** שטייט די וואך אין די פרשה, זאת תהיה תורת המצורע ביום טהרתו, והובא אל הכהן. די תורה זאגט די הלכה פון א מצורע, אז בשעת ער האט זיך מטהר געווען, איז ער געקומען צו דעם כהן מיט די קרבנות וואס ער האט געדארפט ברענגען. ער האט געברענגט שתי צפרים חיות טהורות, איינס האט מען גע'שחט'ן, און איינס האט מען אוועקגעשיקט על פני השדה. און ער האט געדארפט ברענגען א עץ ארז, און א אזוב, און א שני התולעת (ויקרא יד-ב). און רש"י זאגט, אז עץ ארז ווייזט אויף גאות, און אזוב ווייזט אויף ענוה, אז אויב ער איז געווען ווי א ארז, זאל ער זיך משפיל זיין כאזוב. מיר ווייסן אז אין אלע מצות התורה, אויסער די סודות פון די תורה, ליגט אין יעדע זאך א געוויסער לימוד זיך אראפצולערנען פאר זיך אליין.

**די** מידות פון א מענטש, ווערט אנגערופן מיט די לשון 'מדה', פארוואס הייסט עס 'מדה'? ווייל 'מדה' איז א מאס. יעדע מדה וואס דער אייבערשטער האט געגעבן אין א מענטש, קען מען אויסנוצן אויף גוטס, און מען קען עס אויסנוצן אויף פארקערט. דער אייבערשטער האט נישט באשאפן אין א מענטש קיין שום מדה, וואס עס קען נישט ארויסקומען פון דעם א כבוד שמים, כל מה שברא הקב"ה בעולמו לא בראו אלא לכבודו (אבות ו-יא). יעדע מדה האטביידע וועגן, עס ווענט זיך נאר וואו מען נוצט עס. און דאס איז די וועג וואס די תורה לערנט אונז ביי יעדע מדה, אויף וואס פאר א וועג מען זאל זיך באנוצן דערמיט.

**גאות** איז א מדה מגונה, תועבת ה' כל גבה לב (משלי טז-ה), ענוה איז א מדה חשובה, דער אייבערשטער רימט משה רבינו, והאיש משה עניו מאד מכל האדם אשר על פני האדמה (במדבר יב-ג). אמאל קען אבער זיין פארקערט אויך, אמאל קען זיין אז גאות איז א געבענטשטע מדה. **ויגבה לבו בדרכי ה'** (דבה"י ב יז-ו), **ווען עס קומט זיך אנצונעמען פארן אייבערשטענס וועגן, ווען עס קומט צו זיך אליין, צו שפירן א שטאלץ אין עבודת ה', און מען זאל נישט נאכגיין נאך די גאס, און נישט טון וואס אנדערע טוען, נאר זיין זעלבסשטענדיג פאר זיך, דארף מען האבן אין זיך א גבורת הנפש, א בחינה פון גאות, וואס א יוד דארף מקיים זיין ויגבה לבו בדרכי ה'. אין אזא פאל, איז די מדה פון ענוה נישט א געבענטשטע מדה, ווען ער וועט אלץ זיין נשפל ביי זיך, און ער וועט נאכטון וואס אנדערע טוען, וועט ער זיך נישט קענען אויפשטלן אקעגן אנדערע, איז עס נישט א געבענטשטע מדה.** די זעלבע מדה קען זיין אמאל א מדה מגונה, און עס קען זיין אמאל א געבענטשטע מדה.

**דער** דיבור פון א מענטש, זאגט די גמרא (חולין פט.), האמנם אלם צדק תדברון (תהלים נח-ב), מה אומנתו של אדם בעולם הזה, יעשה עצמו כאלם. א מענטשנ'ס אומנות איז, אז ער זאל זיך מאכן ווי א אלם, שטום, נישט רעדן. יכול אף לדברי תורה כן, איך וואלט געוואלט מיינען אז ביי דברי תורה איז אויך די זעלבע, אז א מענטש זאל זיין שטיל און נישט רעדן. תלמוד לומר (שם) צדק תדברון, צדק

דארף מען יא רעדן. די זעלבע מדה פון שתיקה און דיבור, איז בדרך כלל דיבור נישט קיין געבענטשטע מדה, שתיקה איז חשוב'ער, מה אומנתו של אדם יעשה עצמו כאלם. אבער עס ווענדט זיך וואו, טאמער קומט מען צו דברי תורה, דארף א מענטש מרבה זיין בדיבור. - וועגן דעם ווערט עס אנגערופן 'מדה', עס איז א מאס. מען דארף וויסן יעדע זאך די מאס דערפון, אמאל איז די מאס א גוטע מאס, און אמאל איז די מאס נישט גוט. וועגן דעם ווערן די מדות אנגערופן מיט די נאמען 'מדה', ווייל מען דארף מעסטן יעדע זאך, ווען מען דארף זיך יא באנוצן דערמיט, און ווען נישט.

**עס** שטייט אין מדרש (ויק"ר טז-ב) אז תורת המצורע, דאס איז תורת מוציא רע, די תורה פון א מענטש וואס וויל אוועקנעמען פון זיך די שלעכטס. ווילאנג ער האט אין זיך רע, איז ער רעה, און בשעת ער קומט זיך מטהר זיין, איז ער מוציא דעם רע פון זיך. - דער מצורע ברענגט א עץ ארז מיט א אזוב און א שני תולעת, ווייל ער האט זיך מתגאה געווען כארז, זאל ער פון יעצט אן זיין אזוי ווי א אזוב און א שני תולעת. די תורה לערנט אונז, אז ער דארף ברענגען אין זיין טהרה סיי א עץ ארז, און סיי א שני התולעת, איינס פאר זיך אליין איז נישט געגוג. אויב ער וועט זיך יעצט טוישן, און ער וועט נאר זיין אין די מדה פון ענוה, ער וועט זיין ביי זיך צובראכען און צוקלאפט, אזוי ווי א אזוב און א תולעת, און ער וועט נישט האבן דעם עץ ארז, וועט ער זיך נישט קענען מטהר זיין. די טהרה פון דעם מצורע איז ביידע, ער מוז האבן סיי א עץ ארז, און סיי א שני התולעת.

**רש"י** זאגט, אז וועגן דעם ברענגט ער א צפור, ווייל א נגע קומט אויף לשון הרע, און א צפור איז מפטפט, דארף מען נעמען דעם צפור און עס שחט'ן, צו ווייזען אז מען דארף נישט רעדן, מען דארף אוועקנעמען דעם צפור וואס האט מפטפט געווען. אבער אז ער וועט אוועקנעמען אינגאנצן דעם דיבור, וועט ער דאך נישט רעדן קיין דברי תורה אויך נישט, זאגט די תורה, דו דארפסט אויך ברענגען א צפור החיה, און ושלח על פני השדה. דו דארפסט האבן א צפור וואס דו שחט'ס, און דו דארפסט האבן א צפור וואס בלייבט לעבן. ווייל א יוד דארף שטענדיג נוצןביידע מדות, יעדע מדה וואס דער אייבערשטער האט באשאפן אינעם מענטש, איז דא א חלק וואס איז גוט, און מען דארף נאר וויסן ווי אזוי עס אויסצונוצן. דאס לערנט אונז די תורה. זאת תהיה תורת המצורע ביום טהרתו, קוק אויף די קרבנות וואס די תורה האט געהייסען אז מען זאל ברענגען, סיי די געבענטשטע מדה און סיי דאס פארקערטע מדה. א עץ ארז מיט א אזוב, א צפור החיה מיט א צפור השחוטה, זאלסט וויסען, אז יעדע מדה דארף מען נוצן אויף די ריכטיגע וועג.

*

***יום חמישי פרשת תזריע-מצורע***

בשעות הבוקר נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והתפלל תפלת שחרית בבית מדרשנו ברכת אברהם. לפני התפלה הניח **רבינו שליט"א** תפילין לבן הר"ר **נתן גראזינגער** הי"ו.

אחר התפלה התקיים הברית של בן הר"ר **בנימין טובל** הי"ו. **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות ובקריאת השם. אחר הברית השמיע **רבינו שליט"א** דברי הדרכה להבחור הבר מצוה, והסיב למסיבת לחיים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה. - אחר כך השתתף **רבינו שליט"א** אצל סעודת הברית, ונשא מדברותיו.

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעורו היומי בשלחן ערוך, ושיעורו השבועי באור החיים הק'. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעורו היומי במשנה ברורה.

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק ומסר שיעורו השבועי באור החיים הק' בבית מדרשנו זכרון יהודא.

*

***שבת קודש פרשת תזריע-מצורע***

במוצאי שבת הלך **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת **הגה"צ רבי יואל היימליך זצ"ל** אב"ד וועגשייד.